גיין מיט זיי, און זיך גאָרנישט ווייגערן. און די
דאָזיקע זעקס ברידער זענען מיטגעגאַנגען מיט
מיר, און מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם
13 מאַנס הויז; און ער האָט אונדז דערציילט, ווי ער
האָט געזען דעם מלאך אין זיין הויז שטיין און
זאָגן: שיק קיין יפו און ברענג שמעונען, וועמען
14 מען רופט פּעטרוס, וועלכער וועט רעדן צו דיר
ווערטער, דורך וועלכע דו וועסט געהאָלפן ווערן
15 און דיין גאַנץ הויז. און ווען איך האָב אָנגעהויבן
צו רעדן, איז דער רוח הקודש געפאַלן אויף זיי,
16 פּונקט אַזוי ווי אין אָנהויב אויף אונדז. און איך האָב
מיך דערמאָנט דעם האַרס וואָרט, ווי ער האָט
געזאָגט: יוחנן האָט טאַקע געטובלט מיט וואַסער,
איר אָבער וועט געטובלט ווערן מיט דעם רוח
17 הקודש. דעריבער אויב ג־ט האָט זיי געגעבן
די זעלביקע מתנה, ווי אויך צו אונדז, די
מאמינים אין דעם האַר ישוע המשיח, ווער בין
18 איך, וואָס זאָל קענען פאַרווערן ג־ט? און
הערנדיק דאָס, זענען זיי שטיל געוואָרן און האָבן
געלויבט ג־ט, אַזוי צו זאָגן: באמת, ג־ט האָט
אויך צו גוים געגעבן די תשובה, (וואָס פירט) צום
לעבן.
19 און די, וועלכע זענען צעשפּרייט געוואָרן צוליב
דער רדיפה, וואָס איז געשעען איבער סטעפאַנוסן,
זענען אַוועק ביז פעניציען און ציפּערן און אַנטיאָ־
כיען, נישט רעדנדיק דאָס וואָרט צו קיינעם אַחוץ
20 בלויז צו יידן. עס זענען אָבער געווען אייניקע
פון זיי, מענער פון ציפּערן און קירענע, וואָס, ווען
זיי זענען געקומען קיין אַנטיאָכיען, האָבן גערעדט
אפילו צו גריכן, אָנזאָגנדיק די גוטע בשורה פון
21 דעם האַר ישוע. און די האַנט פון דעם האַר איז